# אכטונג געדעקטע עירפארט ארבעטערס אין די האספיטאליטי אינדוסטריע

WE ARE YOUR DOL

NEW YORK STATE | Department of Labor

לאגוארדיע עירפארט, דזשאן פ. קענעדי אינטערנאציאנאלע עירפארט, און פארבינדענע לאקאציעס וואו עירליין קעיטערינג* ארבעטערס זענען איינגעשטעלט

*עירליין קעיטערינג רעכנט אריין ארבעט אין צוזאמענהאנג מיט די צוגרייטונג אדער ליפערונג פון עסנווארג אדער געטראנקען פאר באנוץ אויף עראפלאנען וואס פארן ארויס פון א געדעקטע עירפארט לאקאציע אדער פארבינדענע לאקאציע.

**מינימום סטאנדארט וועידזש ראטעס פער שעה וואס זענען שייך**

| | | |
|---|---|---|
| **די גרעסערע טייל פון:**<br>ניו יארק סטעיט מינימום וועידזש אין קראפט זינט: | 12/31/2019 | **$15.00 /שעה**<br>אווערטיים נאך 40 שטונדן $22.50 |
| פעסט פוד ארבעטער **$15.00 /שעה**<br>אווערטיים נאך 40 שטונדן $22.50 | *סערוויס ארבעטער **$12.50 /שעה**<br>אווערטיים נאך 40 שטונדן $20.00<br>טיפ ברעג (נאן-ריזארט) $3.25 | *קעיטערינג עסווארג סערוויס ארבעטער ארבעטער **$10.00 /שעה**<br>אווערטיים נאך 40 שטונדן $17.50 |
| **אדער**<br>פארט אויטאריטעט מינימום וועידזש אין קראפט זינט: | 9/1/2021 | **$17.00 /שעה** |
| | 9/1/2022 | **$18.00 /שעה** |
| | 9/1/2023 | **$19.00 /שעה** |
| **אין צוגאב צו**<br>סטאנדארט בענעפיטן סופלעמענט ראטע אין קראפט זינט:<br>(צו די קאסטן פון מינימום עסענשאל דעקונג אונטער אן ארבעטסגעבער-געדעקטע העלט קעיר פלאן פאר די ערשטע 40 שטונדן, אריינרעכנדיג אורלויב צייט) | 7/1/2021 | **$4.54 /שעה** |

אויב איר האט פראגעס, נויטיגט זיך אין מער אינפארמאציע אדער איר ווילט איינגעבן א קלאגע, ביטע באזוכט:
www.labor.ny.gov/minimumwage אדער רופט: **1-888-469-7365.**

געדעקטע עירפארט ארבעטערס זענען סיי וועלכע מענטשן איינגעשטעלט צו טון ארבעט ביי א געדעקטע עירפארט לאקאציע )דאס רעכנט אריין פארבינדענע לאקאציעס( וואס ארבעטן כאטש ½ פון זייער וועכנטליכע שטונדן ביי א געדעקטע לאקאציע, זענען געווען איינגעשטעלט זייט 12/30/2020 און ארבעטן מיטלמעסיג 30 שטונדן פער וואך. געדעקטע עירפארט ארבעטערס אין האספיטאליטי אינדוסטריע פירן אויס די פאלגענדע ארבעט: עירליין קעיטערינג און עירפארט לאונדזש סערוויסעס. פראפעסיאנאלן וואס פארדינען א סאלארי, אדער עקזעקיוטיוו און אדמיניסטראטיווע שטאב וועמענס וועכנטליכע סאלארי איז מער ווי 75 מאל דער מינימום וועידזש ראטע, **זענען נישט געדעקטע עירפארט ארבעטערס.** דעטאלירטע שילדערונגען זענען אוועילעבל אויף www.labor.ny.gov

**קרעדיטס און צוגעגעבענע געלטער**

**טיפס –** אייער ארבעטסגעבער מעג נוצן א באגרעניצטע מאס פון אייערע טיפס צו פארקלענערן אייערע וועידזשעס. דאס רופט זיך א טיפ קרעדיט. אייער ארבעטסגעבער מעג נעמען א טיפ קרעדיט בלויז אויב אייערע טיפס צוזאמען מיט וועידזשעס קומען אן צו אמווייניגסטנס דעם מינימום וועידזש. זיי מוזן נאך אלץ צאלן אמווייניגסטנס די וועידזש ראטעס וואס שטייען אויבן. דער טיפ *קרעדיט סומע איז די זעלבע פאר אווערטיים שעות.

**מאלצייטן און קווארטיר –** אייער ארבעטסגעבער קען פאדערן א באגרעניצטע סומע פון אייער וועידזשעס פאר מאלצייטן און קווארטיר וואס זיי שטעלן צו פאר אייך, אזוי לאנג ווי זיי פאדערן נישט איר זאלט באצאלן פאר קיין אנדערע זאכן. די ראטעס און פאדערונגען זענען פארגעשטעלט אין וועידזש ארדערס און קיצורים, וועלכע זענען אוועילעבל אנליין.

**איבריגע באצאלונג** מען קען אייך זיין שולדיג אין צוגאב צו די מינימום וועידזש ראטעס אנגעוויזן אויבן:

- **אווערטיים –** איר מוזט ווערן באצאלט 1½ מאל אייער געוועינליכע ראטע פון באצאלונג (נישט וויינעגער ווי סומעס געוויזן אויבן) פאר וועכנטליכע שעות איבער 40.
- **אויפן-קאל באצאלונג –** אויב איר גייט צום ארבעט ווי געפאדערט און אייער ארבעטסגעבער שיקט אייך אהיים פרי, קענט איר זיין בארעכטיגט פאר איבריגע שעות פון באצאלונג לויט די מינימום וועידזש ראטע פאר יענעם טאג.
- **אויסשפרייטונג פון שעות –** אויב אייער ארבעטסטאג דויערט לענגער ווי צען שטונדן, קענט איר זיין בארעכטיגט פאר נאך טעגליכע באצאלונג. דער טעגליכע ראטע איז איינציג צו איין שעה פון באצאלונג אויף דער מינימאלע געהאלט ראטע.
- **יוניפארם מעינטענענס –** אויב איר רייניגט אייער אייגענע יוניפארם, קענט איר זיין בארעכטיגט פאר נאך וועכנטליכע באצאלונג. די וועכנטליכע ראטעס זענען אוועילעבל אנליין.